w. Anny 12

פרײַז 25 גראָשען XIV יאָהרגאַנג „Radomer-Kielcer Leben" (688) 43 „Należytość pocztowa uiszczona gotówką" הײַנט 10 זײַטען

Radom, dnia 22 Października 1937 r.

ראַדאָם, פרײַטאָג י"ז חשון תרצ"ח

טעלעפאָן פון רעדאַקציע 18 - 15

# ראַדאָמער-קעלצער לעבן

פאַראַנטע פאַרבערײַ
און כעמישע פּראַלניע
A.
HEMPEL
פאַבריק און צענטראַלע אַלטע שטאָדט 7
פיליעס:
זשעראָמסקי 1
זשעראָמסקי 21
זשעראָמסקי 59
טראַוגוטטאַ 11
קעלנער צו וואַשען צו 15 גר.

זאַל פון „אַרבעטער הויז" שוויענטאַ 1

שבת דעם 23 אָקטאָבער. פּינקטליך 3 אַ. נ. מ. וועט האַלטען

א פּאַרלעזונג

דער באַוואוסטער ליטעראַט

# אַלטער קאַציזנע

א. ד. ב.

די בירגערליכע יודישע קולטור און אירע נאָכפאָלגער.

בילעטען שוין צו בעקומען אין „שניידער צעך" וויטאָלדאַ 10
און ביים אַרײַנגאַנג שבת פון 9 פרי.

---

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס
דער חשוב'ער פאַמיליע **לעסלאַו**
צוליב דער שמערצליכער אבידה, וואָס האָט זיי בעטראָפען
דורכ'ן טויט פון זייער ליבען און הויך-געשעצטען פאָטער

# ר' יצחק מאיר לעסלאַו ז"ל

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים

**בינם ווײַדמאַן און פאַמיליע.**
וויען.

---

מיר דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל
אונזער חבר **משה פרידמאַן** מיט זײַן פאַמיליע
צוליב'ן טויט פון זײַן יונג-פאַרשטאָרבענעם זוהן

# שמעון נ. ע.

די פערוואַלטונג פון יודישען
האַנדלסעקער-פאַרבאַנד רוווינסקאַ 1
צוזאַמען מיט דער גרופּע שניידערס און
אַלע צעכען - פאַרוואַלטונגען ביים פאַרבאַנד

---

סיף נעריכט פון דעם שמערצליכען אומגליקס-פאַל מיט

# אנושא גאָטפריד

דריקען מיר אויס די אויפריכטיגסטע מיטלייד-געפיהלען אונזער ג. פרעזעס

## ה' מ. רובינשטיין

צוליב'ן פאַרלוסט פון זײַן ליבלינג-איניקעל.
זאָל ער מעהר קיין צער ניט האָבען.

דער האַנדועדקער-קלוב וויטאָלדאַ 10

---

# דיפּלאָמירטער לעהרער
## א סטודענט

ערטײַלט לעקציעס פון העברעאיש ענגליש, און פראַנצויזיש.
קורסען און פּריוואַטע לעקציעס פאַר זעהר ביליג
ערקונדיגען זיך זשעראָמסקיעגאָ 3 וו. 5
מיט אכטונג **גאָלדגלאַס** ביי גאָלדפאַרב

W domu, czy w sali dancingu wytwornej
Na wsi, czy w mieście — jednym słowem wszędzie
Papieros w gilzie **„Dla Znawców"** wybornej
Zawsze najlepiej smakować ci będzie.

עס איז דאָ צו פערדינגען

# 2 צימערן

מיט אַלע בעקוועמליכקייטען פראַנטאַווע
אַרײַנגאַנג טראַוגוטטאַ 50 וו. 6

ווילט איהר האָבען קלאָרע, ווײַסע וועש, נײַע גאַרדעראָבעס, שנײַ-ווײַסע פאָרהאַנגען,
גייט נאָר צו וואַשען און פאַרבען אין דער בעקאַנטער
כעמישער פאַרבערײַ און פּראַלניע פון דער ערשטקלאַסיגער פירמע

# A. HEMPEL

Centrala Stare Miasto 7 telefon 19 - 70
Filje Zeromskego 1
Zeromskiego 21
Zeromskiego 59
Traugutta 11

ווער ס'האָט זיך ניט איבערצייגט זאָל פּרובען און וועט זײַן ענטציקט
פון דער שנעלער, עסטעטישער און פאַכמענישער אַרבייט.
ביליגע פּרײַזען! פּינקטליכע אויספיהרונג
סאָלידע בעהאַנדלונג קומט און איבערצייגט אײַך
צענטראַלע: אַלטע שטאָדט 7 אָפּיצ. טעל 70 - 19
פיליעס: זשעראָמסקי 1, טראַוגוטטאַ 11
זשעראָמסקי 21, זשעראָמסקי 59

ביליג צו וואַשען סאַפּעלושען

KINO APOLLO

מארגען שבת דעם 23 ד. מ. 3 נ. מ.
און זונטאג דעם 24 ד. מ. 12 און 1⁴⁵

**Jean Harlow i Robert Taylor**
w kapitalnej komedji
# Panowie z towarzystwa

**OD PONIEDZIAŁKU 25 b. m.**
WIELKI PROGRAM PODWÓJNV
I. polski film rewiowy
## Parada gwiazd Warszawy
**oraz wstrząsający dramat**
## Historja jednej nocy

KINO APOLLO

ביז זונטאג דעם 24 איינשל.
WIELKI DRAMAT OBYCZAJOWy
# Skłamałam
rol. gł. Jadwiga Smosarska
Eugeniusz Bodo i inn.
איבער'ן פראגאם איבער'ן פראגראם:
קלאנג-צוגאבע

**Do Wynajęcia**
# SKLEP
## frontowy
**przy ul.** Malczewskiego 8
wiadomość w kantorze fabryki Octu
„PRZEDNOWKA“

# שידלאווצער רב און דער פרעזעס פון דער קהלה מיט דער פערוואלטונג פער'משפט געווארען אויף 6 מאנאטען.

נעכטען דאנערשטאג זענען געשטאנען אין היגען קרייז-געריכט אלס בעשול-דיקטע דער שידלאווצער רב ר' חיים ראבינאוויטש, דער פרעזעס פון דער קהלה חנינה בלומבוים און די צוויי מיטגלידער פון דער גמינע פערוואלטונג משה שמעון נוגעלמאן און ישראל זיי-רענפעלד.

די בעשולדיגונג געגען זיי איז גע-ווען, וואס זיי האבען אין שידלאווצע פעהסכערט דאס שחיטה געלד פון בהמות פון 5 גילדען אויף 10. שפעטער אויף 8 און פון קעלבער פון 1 זל. מיט 50 גר. אויף 3 גילדען.

די אנגעקלאגטע פערענטפערען זיך אז די יודישע גמינע האט זיך געפונען אין זעהר שווערע בעדינגונגען, אז עס איז נישט געווען צו בעצאהלען די בע-אמטע, און, אז זיי אליין האבען קיין נוצען נישט געהאט דערפון. אין זעלבען גייסט האט זייער גלענצענר פערטיידיגט דער בע-קאנטער ראדאמער אדוואקאט ד"ר מאיער

די ערקלערונגען פון די ארויסגערו-פענע עדות זענען נישט גינסטיג אויס-געפאלען פאר די בעשולדיגטע.

דאס געריכט האט פער'משפט דעם רב מיט די דאזיגע אויף 6 מאנאטען תפי-סה, פערהענגענדיג די שטראף אויף צוויי יאהר.

אדוו. מאיער האט אנגעזאגט אנ'אפע-לאציע. אר.

מיר דריקען אויס מיטגעפיל אונזער פערוואלטונג ס-מיטגליד
## ה' משה רובינשטיין
צוליב'ן טראגישען אומקום פון זיין ליב אייניקעל
# אנושא גאטפריד
די פערוואלטונג
פון דער געזעלשאפט „ארט“ אין ראדאם

דעם פרעזעס משה רובינשטיין
צוליב'ן טויט פון זיין אייניקעל
# אנושא גאטפריד
דריקט אויס מיטגעפיהל
דער ראדאמער 15-ער קאמיטעט
פון ניו-יארקער רעליעף

די בעוויסטע ערשטקלאסיגע פירמע
# מ. רובינשטיין
ז ש ע ר א מ ס ק י 30
מאכט בעקאנט דאס ג. יודישע פובליקום, אז זיין שניידער-ווארשטאט איז בעריימט געווארען מיט די בעסטע פאכמענישע כוחות פון ווארשא און עס ווערט אויסגעפערטיגט לויט דער לעצטער מאדע און די גאנצע ארבייט ווערט אויסגעפיהרט אין זיין ווארשטאט.
די פרייזען און בעדינגונגען זענען ענט-שפרעכענד און צוגענגליך פאר'ן קליענט

# מארגען דער רעפעראט פון אלטער קאציזנע.

נאך א לענגערע הפסקה איז דער שניידער-צעך צינעסרעסטען צו בענייען די ארבייט אויפ'ן קולטורעלען געביט. אויפ'ן קומענדיגען ווינטער-סעזאהן זענען פאראויסגעזעהען א גאנצע רייהע אימ-פ-עזען, וואס וועלען זיכער אויפגענומען ווערען מיט דאנקבארקייט דורך דער ראדאמער בעפעלקערונג. דער ערשטער אויפטריט ווערט געעפענט מארגען שבת 3 או. נ. מ. אין ארבעטער-הויז מיט א רעפעראט פון בעוויסטען קולטור-טוער אלטער קאציזנע.

קאציזנע איז נישט קיין פנים חדשות, וועלכען מ'זאל איצט דארפען ראקלא-מירען און פארשטעלען דער בוייטער עפענטליכקייט. ווער ס'האט נאר א נאענטע באציהונג מיט קולטורעלע יודישע שא-פונגען, איז דער נאמען גוט בעקאנט.

די מארגענדיגע פארלעזונג איז גע-בויט אויף דער אינטערעסאנטער טעמא: „די בירגערליכע יודישע קולטור און איהרע נאכפאלגער“. י. פ—ן.

# פון דער אלג. ציונ. ארג.
(וועלט-פערבאנד)

שבת ד. 23 3 או. נ. מ.—א פרויען-פער-זאמלונג מיט דער בעטייליגונג פון דער מאלאנטעפולער רעדנערין פרוי אכת-קאפלאן. איינגאנג פריי. (ברעזשוטסקא 55.)

# פרעסע - ארויסטריט געגען א ציוק.

אין ראדאם גאסטראלירט היינט א צירק, וועלכער איז פאר ראדאם אונבע-קאנט. די פוילישע פרעסע ווי דער „ראד-באמניק“ און „רזיען-דאברי“ טרעטען ארויס געגען דעם צירק, בעצייכענדיג איהם אלס מינדערווערטיגען וואגדרי-צירק, וואס איז גוט פאר קליינע שטעט-לעך. איינע פון די דערמאנטע צייטונגען דריקט אויס זוגאר איהר פערוואונדערונג דאס די שטאדט-פערוואלטונג גיט ארויס א ערלויבעניש פאר א צירק פון צווייט-קלאסיגער ארט-טטישע ווערטה.

אין ביידע צייטונגען איז אויך נישט געווען אנאנסירט דער צירק.



RAVIS
RAVIS
RAVIS
RAVIS
RAVIS
PARIS–VARSOVIE

Z podpis o. Prof. Uniwersite de Beaute C. Sandler.

פארבערי
כעמישע פראלניע און וועש
# M. Cichoń
**Centrala, RADOM, Rwańska 23.**
רעיעלע ארבייט! קעלנער צו 15 גר.
נעמט אן צו וואשען: מענער, דאמען און קינדער - קליידונג
נעמט אויך אן צו פיצען:
פיטערנע קורטקעס, קאפעלושען, הענטשקעס

# RADIOODBIORNIKI „KOSMOS“
**do nabycia w składzie konsygnacyjnym**
**B. Senator,** RADOM, ŻEROMSKIEGO 20
tel. 15-06

# צוויי זיצונגען אין שפיטאל, אויף וועלכע ס'זענען געשאפען געווארען צוויי פאטראנאטע.

זונטאג בייטאג איז אין יודישען שפיטאל פארגעקומען א פערזאמלונג פון פרויען, בכדי צו גרינדען א פרויען-פאטראנאט. אין די פערזאמלונג האבען זיך בעטייליגט די פרויען בלימה ראטענבערג, ל. שטעלמאן, און די דאקטאראוועס קאדישעוויטש, שענדעראוויטש, קליינבערגער, שלאפערמאן.

דער פרויען-פאטראנאט האט פאר אנ'אויפגאבע צו האבען די אויפזיכט איבער דער ווירטשאפט און צו בעזארגען די קראנקע מיט בעסערע צוגאבפראדוקטען, ווי ווייך, פאמעראנצען, ווינטרויבען, קאנפיטורען, סאקעו, וואס דאס שפיטאל קען זיך נישט ערלויבען צו געבען, ווי אויך זארגען פאר מעש פאר די קראנקע און העלפען וייערע פאמיליעס, וואס בלייבען אין דער היים.

ביי דער געלעגענהייט האט פרוי ראטענבערג געשענקט הונדערט זלאטעס אויף ליילעכער.

דער פרויען-פאטראנאט האט בעשלאסען צו ווערבירען מיטגלידערינס און צו ענטוויקלען א טעטיגקייט לטובת דעם שפיטאל.

אין אוונד איז אפגעהאלטען געווארען א זיצונג פון א הערן - געזעלשאפט מיט'ן גאנצען שפיטאל-ראט אויף וועגען גרינדען א פאטראנאט. נאך א לענגערע דיסקוסיע איז אנגענומען געווארען צו שאפען א סטאבילען פאטראנאט איבער די פינאנסען פון שפיטאל און דאס ארייננצוטראגען אין סטאטוט פון שפיטאל. עס זענען אויסגעוועהלט געווארען די ה"ה וויסקינד לעסלאו, משה לעסלאו, מיעטשיסלאוו צבח, אינוש. הענריק ציטערבאן און קלמן ריכטמאן, וועלכע זאלען בילדען דעם פאטראנאט.

עס איז בעשלאסען געווארען צו שאפען אנ'הלוואה פון 5000 זל. פאר'ן שפיטאל און צו דעם צוועק נעמען ביי 25 בעלי-בתים וועקסלען צו 200 זל. צו זאמלען די וועקסלען וועלן בעאויפטראגט געווארען די געוועהלטע פון פאטראנאט.

## לוסטראציע אין דער גמינע.

דינסטאג, מיטוואך און דאנערשטאג איז אין דער גמינע פארגעקומען א לוסטראציע, וועלכע איז אדורכגעפיהרט געווארען דורכ'ן מאגיסטער לוסינסקי פון דער וואיעוואודסטווא אין קעלץ און רעפערענט פון דער היגער סטאראסטווא פיעטשכאלסקי.

נעכטען דאנערשטאג האבען די לוסטראטארען בעזוכט די שחט-שטיבלעך, דאס בית-החיים און דאס שפיטאל.

# דרייסטער באנדיטען = אנפאל הינטער ראדאם.

## בעראובט די פויערים וואס האבען זיך צוריקגעקעהרט פון יאריד. — באנדיטען געווען בעוואפענט מיט געוועהר און גרויסע דרענגער.

פאראכטאגען דאנערשטאג איז אויפ'ן שאסע הינטער ראדאם אויסגעפיהרט געווארען א דרייסטער באנדיטען-אנפאל אויף די דארפסלייט, וואס האבען זיך צוריקגעקערט פון ראדאמער יאריד אין דארף סטראמיעץ. די קרבנות פון אנפאל זענען געווען: מיקאליי פיצעק, זיין ווייב יאנינא, יאן און יוזעף ריביניק און סטאניסלאוו ליס. אלע זענען געפאהרען אויף איין פיהר און זענען בעפאלען געווארען, ווען זיי זענען דורכגעפאהרען דעם וואלד. די באנדיטען זענען געווען בעוואפענט מיט הייס-געוועהר און מיט גרויסע דרענגער. נאכן צורויבען עפליכע הונדערט זלאטעס, האבען די אנפאלער אראבגעשלעפט פון דער פיהר יאנינא פיצעק און אין די אויגען פון מאן און די, וואס זענען מיטגעפאהרען מיט איר, אויסגעפיהרט איבער איהר א גוואלדטהאט.

די אויסגעראובטע האבען אויפגעזוכט די פינסטערניש און זענען אנטלאפען אין אנ'אומבאקאנטער ריכטונג.

די פאליציי האט אונטערגענומען אנ' ענערגישען נאכיאג נאך די באנדיטען.


Nowo - otwarta Pracownia Okryć
Damskich, Kostiumów i Futer

**Artura Anklewicza**

Radom, ul. Moniuszki 22 m. 7
POLECA NAJNOWSZE MODELE
NA BIEŻĄCY SEZON.
Robota wykwintna — Ceny przystępne



Niniejszym podaję do łaskawej wiadomości, iż
**BIURO PISANIA PODAŃ**
*do władz administracyjnych i Sądowych*
**A. RAPPOPORT** w Radomiu
przeniesione zostało do lokalu przy ul. **Żeromskiego 23**
(wejście z sieni na parterze)
Biuro czynne bez przerwy od god: 9-tej do 20-tej
(—) *A. RAPPOPORT*



**שעהן און עלעגאנט אנטוהן קען מען ביי**
ביים בעריסטען מענער-שניידער
**חיים קארמאן,** ושעראמסקי 9
וואו עס ווערן אנגענומען בעשטעלונגען. ווי אויך אנפערטרויטע סחורות. אלץ ווערט אויסגעארבייט פיינקייטליך און לויט דער לעצטער מאדע פון א פראנצויזישען זשורנאל
פרייזען מעסיגע — בעדינגונגען צוגענגליכע


# קליינער פעליעטאן

## כי תצא תורה מפויזנא...

אבי מ'וויטב שוין! זאגט שמיל-שמעלקי — איצט ווייסט מען שוין, הייסט עס, קלאר, אז די פוילישע דאקטוירים האבען אנגענומען דעם אריער-פאראגראף, און אז דורך פויזען איז אנגעקומען די בערלינער תורה מיט איהר אלע קלימפערלעך.

די „סדרה בענק-אטעס", כ'מיין די מעשה מיט די בענק פון די אוניווערזיטעטען איז אויך אנגעקומען צו די דאקטוירים, און איצט וועט מען, הייסט עס וועט מען שוין אויסגעלייזט ווערען פון אלדאס-בייז אין לאנד.

מען וועט באיקאטירען די יודישע דאקטוירים, און קראפירען וועט מען מעגען, אויסגעהן ווי א ליכט, באקומען דעם שלאג, פגר'ען ווי א הונט, די כאלעריע קריגען – אבער געהן צו א יודישען דאקטאר, לאזען זיך ראטעווען פון איהם – דאס נישט!

בעסער איינעמען די מיתה משונה און באקומען דעם פלאץ אויפ'ן ארט איידער איינעמען א רפואה פון א יודישן דאקטאר!

און בכלל איז דאך דאקטאריע, א סברה, א יודישע זאך, און מ'דארף עס אויסמיידען, ווי די פעסט...

וואַרום לאמיר נעמען אזא איידעלע זאך, ווי די קאנע – נעמט זיך דאך דאס אויך פון קנאי, אדער פון מקנא-זיין...

לעהאטיוועס שמעקט אויך מיט ושידא-קאמונע... ווארום דארט, וואו ס'איז לעהא איז נישט פראווא!

— איין זאך – „קאנוטשיק" דאס איז יא אן ארישע זאך, כאטש די יורען שלאגען כפרות מיט'ן קאנוטשיק.

ש מ י ל ש מ ע ל ק י


Najlepsze, najmilsze i najtańsze
prezenty dla rodziny i przyjaciół
to
**kuchenki, żelazka**
**grzejniki do rurek**
**poduszki i inne.**
Do nabycia na dogodnych warunkach
**w Radomskim Towarzystwie Elektrycznem**
Sp. Akc. w Radomiu
ul. Traugutta 53



**יודישע בעטאן=פאבריק נ. לערכער**
טראוגוטטא 56, איינגאנג אויך זשעראמסקי 18 ארבייט אויס:
טראטואר-פליטן, קאנאליזאציע-רערן, אלע מאסן, ברונע-רערן, דאכזייקעס, און אויך אפפלוס-רערלעך צו קעלערס —
פאר מזומן און ראטעס — צוגענגליכע פרייזן — גאראנטירטע אויסארבייטונג —



**Kino ADRIA**
שבת דעם 23 2 און 3 און
זונטאג דעם 24 און 2 אז.
**פריהמארגען = פילמען**
העלדן בער פוילישער פילם
**O CZYM MARZĄ KOBIETY**
אין די הויפט ראלען
שלאנסקא, ציבולסקי, וזלעבאווסקי

*Do niedzieli dnia 24 października włącznie*

**Kino ADRIA**

Piękna komedia muzyczna p. t. **„PENNY"**
W roli gł. ulubienica świata **Deanna Durbin**
Nad program: Bohaterski Cowboy **BUCK JONES**
w sensacyjnym filmie p. t.
**TAJEMNICZY STRZAŁ**

חברנו וידידנו אלתר ברנקיביץ
אתך אנו באסונך הגדול שקרה לך בהלקך ממך אמך היקרה

# חנה מלכה נ. ע.

בעבודתך פוריה למען בנין ארצנו תנוחם!

קילץ — נטע צוקר ורעיתו

---

הרינו מביע את רגשי תנחומים לידידי מר אלתר ברנקביץ לרגלי מותו

# אמו היקרה

מי יתן שימצא נהומים בעבודתו הצבורית האמית׳ת

קילץ — נתן גורסקי.

---

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דעם ה׳ אלתר באראנקעוויטש
צוליב׳ן טויט פון זיין ל.

# מוטער

אין זיין געזעלשאפטליכע ארבייט זאל ער א טרייסט געפונען.

קעלץ — ארנאלד מינץ.

# ארעסטירט דעם סעקרעטאר פון דער ליגע אין קעלץ.

אין צוזאמענהאנג מיט׳ן דינסטאג׳דיגען פראטעסט־שטרייק, נעגען געסע אויף די היכשולען זענען ארעסטירט געווארען 11 מיטגלידער פון היגען „קיבוץ באראכאוו", וועלכע זענען נאך געבליבען אין ארעסט.

מיטוואך 5 אזייגער איז ווייטער ארעסטירט געווארען דער סעקרעטאר פון דער קעלצער ליגע ה׳ ברענער.

# א פינקטליכער גנב

צום היגען איינוואוינער בינימין רובינשטיין (באנדורסקיעגא 51) האט זיך דינסטאג 10 אזייגער איינגעקומען א אומבעקאנטע פערזאן אין זיין וואוינונג דורך נאכמאכען זיך א שליסעל און ארויסגע׳גנב׳עט א גאלדענעם זייגער פון דער פירמע „אמעגא" אין דער ווערט פון 120 זל.

# ענטפער׳ס פון רעדאקציע.

ה׳ רענקאשינסקי קעלץ: איהר שרייבט נישט דייטליך, אז ס׳איז שווער צו לעזען. חוץ דעם זענען זיי גרויס און מיר האבען נישט קיין ארט.

ה׳ לאקס קעלץ: אייערע ערצעהלונגען זענען נישט שלעכט. ערטערווייז גאר שעהן, אבער צו־לאנג פאר אונזער צייטונג.




za pomocą Żelatyny mielonej d-ra OETKERA

Zastępca M. CUKIERMAN
Kielce, Warszawska 14

דאס אונפערגליכליכע ביכעל מיט די פארשריפטען פון ד״ר א. אעטקער א. ג. „א גוטע באלעבאסטע באקט אליין" קען מען בעקומען אין אלע קאלאניאל געשעפטען, בוכהאנדלונגען און ביי די פארטרעטער פון דער פירמע אעטקער. די פרייז איז פערקלענערט געווארען אויף 30 גראשען. דאס ביכעלע איז נישט צום אפשאצען, ווייל עס גיט א סך פארשריפטען אויף געבאקס א. ד. גל.

Z DZWONKIEM
IDEAL JAWA —
DOBRA KAWA

# UWADZE WŁAŚCICIELOM NIERUCHOMOŚCI.

Zarząd Miejski w Radomiu podaje do wiadomości P. P. właścicieli nieruchomości, że wszelkiego rodzaju roboty wodociągowo - kanalizacyjne wewnątrz nieruchomości mogą być wykonywane tylko przez osoby do tego uprawnione, w myśl art. 360 ustawy o prawie bud. i zabud. osiedli Dz. U. R. P. Nr. 23|28 poz. 202|.

Jednocześnie Zarząd Miejski zaznacza, że pracownikom Zakładów Wod-Kan. i Gazowych zabronione jest wykonywanie jakichkolwiek robót wodoc-kanal. i gazowych w nieruchomościach prywatnych wobec czego **Zarząd Miejski ostrzega przed powierzaniem osobom nieuprawnionym tych robót,** gdyż nie będą one przyjmowane przez Dyrekcję Zakładów Wod-Kan. i Gaz. co grozi P. P. Właścicielom nieruchomości poważnymi stratami materialnymi.

19. x. 37.

*Wiceprezydent Miasta*
**Inż. Jerzy Radomski**

# צו דער עפנטליכקייט.

די לעצטע וואך איז איינגעפאלען א פריש מסירה׳לע צו דער מאכט פון די נייע גרופע קאמאשענמאכער, וואס באשטעהט פון 6 מיטגלידער מיט אברהם מאנעטא בראש, אז מיר עלטערע קאמאשענמאכער האבען נישט קיין רעכט צו בעהרען קיין זעלבשטענדיגע ווערקשטאטען צוליעב וואס א טייל עלטערע קאמאשענמאכער זענען געווען געצוואונגען אבצוגעבען די האנדווערקער - קארטען.

עס וואונדערט אונז זעהר אויף אברהם מאנעטא, וואס האלט זיך פאר א הייסער פערטיידיגער פון ידישען בעל־מלאכה און מיט אייגענע הענד שרייבט מען אונטער כדי צוצוברעכען יודישע ווארשטאטען. זאל די עפענטליכקייט זיך דערוויסען וועד עס רייסט זיך צו רעפרעזענטירען די קעלצער קאמאשענמאכער. (—) דוד חישניצקי.

---

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער חיצע פרעזעס פון דער „גמילות - חסדים - קאסע" ביים קעלצער קליינהענדלער־פעראיין צוליב׳ן טויט פון זיין ל.

# מוטער

אין זיין געזעלשאפטליכע ארבייט זאל ער א טרייסט געפונען.

קעלץ — די פערוואלטונג.

---

הרנו משתתפים בצערו הגדול של חברנו הנכבד
אלתר ברנקיביץ למות עליו אמו היקרה

# חנה מלכה נ. ע.

בעבודתך לסיבת רעיוננו תנוחם

הסתדרות „מזרחי" בקילצה.

MILIONY KOBIET
NA CAŁYM ŚWIECIE
STOSUJE SŁAWNE KOSMETYKI

# CEDIB
PARIS

•PUDRY•KREMY•TUSZ DO RZĘS POMADKA DO UST•RÓŻ MLECZKA•

*Żądajcie w najbliższej perfumerii lub drogerii bezpłatnej broszury Cédib o indywidualnej i racjonalnej pielęgnacji skóry.*

# אכטונג קעלץ!

אין אלע רעדאקציע און אדמיניסטראציע - ענינים ביטע זיך צו פערשטענדיגען מיט אונזער מיטארבייטער

**י. צוקער.** שריפטליך קען מען זיך ווענדען:

Red. „Rademer - Kielcer - Leben"
**Kielce, skrz. poczt. 98.**

טעלעפאניש פון 5 — 7 נ. מ. 22 - 16. יעדען טאג.

פאר׳ן אינהאלט פון די אנאנסען איז די רעדאקציע נישט פאר'ענטווארטליך.